ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תת"ס
פרשת לך לך
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' רסט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ז"ל**

## הני כהנ"י שלוח"א דידן...

דער זיידע רבי אהרן ז"ל איז אמאל געווען ביי **הרה"ק רבי יוסף יצחק מליובאוויטש** ז"ל. און ער האט אים געפרעגט "מיט וואס באשעפטיגט איר זיך", האט דער זיידע געענטפערט אז ער איז א סופר סת"ם.

פרעגט דער ליובאוויטשער רבי "איר זענט א גוטער סופר?", האט דער זיידע געענטפערט "איך האב שוין געזעהן בעסער פון מיר, און איך האב שוין געזעהן שוואכערס פון מיר".

האט דער ליובאוויטשער רבי געזאגט: "א קלוגער איד"...

דאן האט אים דער ליובאוויטשער רבי פארגעשלאגן אז ער זאל פארן אלס 'שליח' קיין סט. לואיס און דארט עוסק זיין אין הפצת יהדות.

האט דער זיידע געזאגט "איך בין געקומען אהער ווייל דא וואוינט מיין רבי, און איך וויל וואוינען נאנט צו מיין רבי'ן".

פרעגט דער ליובאוויטשער רבי "ווער איז דיין רבי". האט דער זיידע געזאגט "דער סאטמארער רב".

הערנדיג דעם רבי'נס נאמען האט זיך דער ליובאוויטשער רבי אונטערגעהויבן מיט הערצה, און געזאגט "א גוטער מח".

ווען דער זיידע האט דאס שפעטער איבערגעזאגט פארן רבי'ן, האט זיך דער רבי צושמייכלט, און ער האט געפרעגט דעם זיידן בצחות "נו, פארוואס זאלסטו טאקע נישט פארן, אפשר קענסטו טאקע זיין א גוטער שליח?!", האט דער זיידע געענטפערט בדרך מליצה "כל מה שיאמרו בעל הבית עשה חוץ מצא"... (אז ער וועט אלעס פאלגן דעם רבי'ן, אויסער ווען דער רבי וועט אים הייסן אוועק גיין פון איהם)

ז' ער) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' דוד אהרן לאנדא הי"ו**

## איך זאל שפירן אז איך האב געגעבן...

איך האב ב"ה די זכי' שוין איבער 50 יאר צו זיין א עסקן לטובת מוסדותינו הק'.

געווען איז דאס בשנת תשל"ד לפ"ק, ווען עס איז אנגעגאנגען א שטארקע קאמפיין לטובת 'דאס שטעטל', און מען האט געארבעט אז דער גאנצער ציבור זאל זיך משתתף זיין בלב ונפש לטובת 'דעם רבי'נס שטעטל'. בין איך צוגעגאנגען צום משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה, און איך האב אים געזאגט אז דער ציבור לאזט זיך זייער שיין קאסטן לטובת המוסדות, און אויב וויל מען שאפן עקסטער געלט פארן 'שטעטל', וועט מוזן זיין א קלארע סכום וואס דער רבי זאל פארלאנגען פונעם ציבור.

ר' עזריאל האט דאס איבערגעגעבן בקודש פנימה, און דער רבי ז"ל האט אין יענע טעג משמיע געווען רצון קדשו אז "ער האפט אז עס וועט זיין א ציבור וואס וועט געבן דריי טויזענט דאללער, והפוחת לא יופחת פון 300 דאללער לטובת דאס שטעטל".

אין יענע יארן איז דאס אלעס געווען גאר ערנסטע סכומים געלט, וואס רוב ציבור האט זיך געדארפט שטארק אנשטרענגען צו קענען באצאלן.

איז געווען, א חשוב'ער איד הרה"ח ר' אלי' שאול פעקעטע הי"ו, וואס פלעגט מיר געבן מידי שנה בשנה 1,100 דאללער פארן דינער פון די מוסדות. אבער דאס יאר זאגט ער מיר אז ער קען נישט געבן זיין התחייבות כמידי שנה, ווייל דער רבי האט ארויפגעלייגט א ערנסטע התחייבות פארן שטעטל.

למעשה, נאכן דינער ווען מיר זענען איבערגעגאנגען די נדבות האב איך געזעהן אז ער האט יא געגעבן זיין געווענליכע השתתפות. ווען איך האב אים באגעגענט האב איך אים איבערגעפרעגט דערויף, אז ער האט יא געגעבן די געווענליכע השתתפות.

האט ער מיר געזאגט אזוי: יעדעס יאר האב איך געמאכט מיין חשבון וויפל איך בין ביכולת צו געבן, היי יאר האב איך געוואלט שפירן אז איך האב עקסטער געגעבן פארן רבי'ן... ממילא כאטש איך האב געגעבן מיין התחייבות וואס דער רבי האט געבעטן פארן שטעטל, האב איך זיך אנגעשטרענגט צו געבן די יערליכע התחייבות פאר די מוסדות, כדי איך זאל שפירן אז איך האב געגעבן פארן רבי'נס מוסדות, און נישט אראפגענומען פון אנדערע התחייבות"...

ז' רעא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג רבי אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

## כל מלאכת עבודה לא תעשו

איך האב געהערט פון הרב החסיד רבי מרדכי פריעדמאן שו"ב, א תלמיד פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** אין ווארשיווא, אז איינמאל איז אויסגעפאלן שמיני עצרת אין שב"ק, האט דער רבי דעמאלטס געזאגט דברי תורה ביי שלש סעודות ממש נאר איין מינוט: "**ביום השמיני**", ווען עס קומט דער אכטער טאג "**עצרת תהיה לכם**", דארף מען זיך צוריק האלטן, "**כל מלאכת עבודה**", די גאנצע עבודה וואס מ'האט געטון ביז יעצט, "**לא תעשו**" זאל מען האלטן ביי זיך כאילו מען האט נאך גארנישט געטון.

ווען דער רבי האט געענדיגט זאגן די דברי תורה האט זיך דארט אויפגעשטעלט א זקן וואס איז נאך געווען ביים צאנזער רב און ער האט אויסגערופן מיט התרגשות "**איך בין מאמין באמונה שלימה אז דער רב האלט ביי די מדריגה, אז ער האלט ביי זיך אז נאך די גאנצע עבודה פון די הייליגע טעג, האלט ער נאך אין ערגעץ נישט**" (ועי' כעי"ז באריכות בספה"ק דברי יואל לשמנ"ע אות א').

ז' ערב) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח רבי חיים הערש אפפעל הי"ו**

## בחכמה פותח שערים

עס איז געווען אנהויב יאר תשמ"ב לפ"ק, אינעם לעצטן יאר פון **כ"ק הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען** ז"ל, האט ער זיך זייער נישט גוט געשפירט, און מען האט אים אריינגעפירט אין 'סאפערן שפיטאל', נישט ווייט פון קרית יואל.

עס האט זיך געמאכט א מציאות אז די שפיטאל פארוואלטונג זענען געווארן זייער שטרענג און זיי האבן נישט אריינגעלאזט קיין שום באזוכער צום רבי'ן, ניטאמאל די קינדער און נאנטסטע משמשים. און דער סקולענער רבי איז געווען ממש אליין אין זיין צימער.

זייענדיג פון די גאר נאנטע משמשים בקודש, האב איך אנגעהויבן צו טראכטן וואס איז שייך צו טוהן, האב איך גערעדט מיט א ידיד וואס פלעגט פארקויפט קליידונג און אנדערע געברויכן פאר שפיטאל איינגעשטעלטע, און איך האב געקויפט פון אים א היבשע קוואנטוהם פון די סארט קליידונג, שאלן, קוטשמעס, וכדומה.

ווען איך בין אנגעקומען אין שפיטאל מיט די גאנצע סחורה האב איך דארט באגעגענט פארזאמלט מערערע בני משפחה, ובתוכם דעם באליבטן אייניקל **כ"ק אדמו"ר מהרי"י זצ"ל**, וועלכער איז געקומען צו פארן פון מאנטריאל הערנדיג דעם שווערן מצב הבריאות ביים זיידן.

דער רבי מרן מהרי"י ז"ל האט מיך געפרעגט 'וואס איז די סחורה וואס איך האב דא געברענגט?', האב איך געזאגט אז דאס איז 'שוחד' פאר די דאקטורים און נוירסעס מיטן ציהל אז זיי זאלן וועלן אריינלאזן. מיט זיין גרויס יראת שמים האט ער געפרעגט "וואס טוט זיך מיט לא תחנם?! ובפרט געבן א מתנה פאר א ערלית קען האבן מיט זיך נאך שאלות", עס האט זיך אנגעהויבן א לענגערע מו"מ בהלכה ער האט א לענגערע צייט דן געווען דערין, און צום סוף האט ער מיר געהייסן מאכן א גילוי דעת פאר דריי מענטשן אז דאס איז נישט קיין מתנה פארן גוי און פאר א פרוי, נאר אונטערשמירן שוחד כדי צו פועל'ן ביי זיי אז זיי זאלן וועלן אריינלאזן צום רבי'ן.

כ'האב טאקע אזוי געטון און מגלה דעת געווען ברבים אז עס איז נישטא דערביי קיין

הגליון נתנדב ע"י הרה"ח ר' **מרדכי פריעדמאן** הי"ו • לע"נ זקנו הגה"צ רבי **מנחם ב"ר אהרן** ז"ל (פריעדמאן) ר"מ בישיבה"ק • נלב"ע ה' מרחשון תש"נ לפ"ק

שום כוונה פון מתנות וכדומה, נאר מיט די מטרה אז מ׳זאל קענען אריינגיין.

נאכן גילוי דעת האט זיך מרן רבי ישעי׳ יעקב אנגערופן בצהלת פניו המאירים ״יעצט וועט זיך עפענען אלע טויערן״...

ווי נאר די דאקטורים און באאמטע זענען אנגעקומען האב איך זיי פארגעשלאגן די מתנות, זיי האבן דאס קודם אפגעזאגט אז זיי דארפן דאס נישט, אבער ביני לביני האבן זיי דאס גענומען, און די גאנצע שאכטל איז געבליבן ליידיג.

דערויף האב איך געזאגט אז איך בין דער פריוואטער גבאי און איך וויל אריינגיין צום רבי׳ן, זיי האבן מיך טאקע באלד אריינגעלאזט, דער רבי האט זיך זייער געפרייט צו מיר. דער רבי האט נישט געקענט רעדן האט ער מיר געבעטן א פעדער, און געבעטן צו וועלן וויסן וואס זיין מצב איז, איך האב אים גענוי געזאגט זיין מצב לויט די דאקטורים, און דערציילט אז כאטש מ׳לאזט נישט אריין זענען מיר די גאנצע צייט אינדערויסן, און מיר באגלייטן אלעס אויף טריט און שריט. דער רבי האט זיך זייער בארוהיגט.

שפעטער האבן זיי שוין יעדן אריינגעלאזט צום רבי׳ן.

ב. מיט יארן שפעטער האב איך דערציילט די מעשה פאר א איד, האט ער מיר דערציילט אז ווען **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** איז אמאל געווען אין שפיטאל באזוכן ביי הרבנית הצדיקת ע״ה, האט ער געזעהן ווי איידער זי איז אהיימגעגאנגען פון שפיטאל האט זי געטיילט זיסווארג און קליינע מתנות פאר די איינגעשטעלטע. האט איר דער רבי געפרעגט ׳מילא ווען מ׳קומט אריין גיט מען מתנות, אבער אז מ׳גייט אהיים וואס איז די סיבה צו געבן מתנות פאר גוים?!׳. האט די רביצין געזאגט אז מ׳גיט זיי יעצט מתנות וועלן זיי האבן א גוטן בליק אויף אנדערע אידן וואס וועלן קומען אין שפיטאל, און זיי וועלן זיך בעסער אפגעבן מיט זיי. דער רבי האט שטארק הנאה געהאט דערפון, און ער האט מסכים געווען דערצו.

ז׳ רעג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ דוד שמואל גאלדבערגער הי״ו**

## במקום גדולתו שם ענותנותו

עס איז געווען מיט ארום פערציג יאר צוריק ווען **כ״ק מרן רבינו הגה״ק הברך משה זלה״ה** איז געפארן דאס ערשטע מאל קיין אנטווערפן אלס ׳סאטמארער רבי׳, איז אפגעהאלטן געווארן א געהויבענער שבת, בהתאסף אלפי ישראל פון גאנץ אייראפע, אמעריקע, און ארה״ק.

איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם לעכטיגן שבת מיט נאך צענדליגער אידן פון ניו יארק וואס האבן זיך באגלייט מיטן רבי׳ן אויף די נסיעה.

אויפן וועג אהיים קיין ניו יארק ווען מיר זענען אנגעקומען אינעם עירפארט, האבן די באאמטע געמאכט פראבלעמען פאר מיין ב״ב תחי׳, און איר נישט געוואלט לאזן ארויספארן, צוליב דעם וואס זי האט געהאט אן איזראעלישע פאספארט. און עס איז געווארן א שטיקל טומל ארום.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אינעם עירפארט האט ער געזעהן אז דער היימישער ציבור טומלט ארום, האט ער געפרעגט וואס עס גייט פאר, האט מען אים געזאגט אז די באאמטע ווילן נישט ארויסלאזן א היימישע פרוי.

האט דער רבי געזאגט ״איך גיי נישט ווייטער ביז דאס איז נישט מסודר״, און דער רבי האט זיך אוועק געזעצט אויף א זייטיגן בענקל אינעם עירפארט און נישט געגאנגען צום פליגער.

כמובן, אז עס איז געווארן א מהפיכה און מ׳האט דאס גאר שנעל מסדר געווען. אבער עס האט גערעדט פאר זיך דער מציאות ווי א רבן של ישראל וואס קומט יעצט פון א שבת וואס ׳הארץ האירה מכבודו׳ וכל מלכי רבנן השכימו לפתחו, אבער אז ער האט געהערט אז א אידישע טאכטער האט א צרה, איז דאס געווען זיין פערזענליכע צרה, און ער איז נישט גרייט געווען צו גיין צום פליגער ביז ווען דער פראבלעם איז נישט מסודר.

ז׳ רעד) עס דערציילט

**הרה״צ רבי איתמר לייפער שליט״א** האדמו״ר מבישטינא ירושלים עיה״ק

## שאלות ותשובות עצי חיים

צום ערשיינונג פונעם נייעם מהדורא שו״ת **עצי חיים** (על ד׳ חלקי שו״ע והל׳ מקוואות), וועלכע איז נארוואס ערשינען לאור עולם כליל בהדרו אין א הערליכע אויפלאגע מיט הערות וליקוטים מתורת גאון ישראל וקדושו מרנא בעל **עצי חיים מסיגעט** זי״ע.

איז כדאי צו דערמאנען וואס האט מיר דערציילט הגה״ח המפורסם רבי **מרדכי וויליגער** ז״ל וועלכע איז געווען פון די גאר חשובי ומקורבי תלמידים פונעם הייליגן עצי חיים זי״ע און אין די תשובות זעלבסט איז פארהאן א תשובה וואס דער עצי חיים האט געשריבן צו איהם באותות אהבה. (עיי״ש חלק או״ח סי׳ כ״ד, אינעם נייעם מהדורה זענען מלוקט פיהל הוספות פון די כתבים וואס רבי מרדכי ז״ל האט מעלה געווען ע״ג כתב מתורת רבו לזכרון למשמרת).

אין די ערשטע יארן זייענדיג אין אמעריקא האט ער געוויילט זומער אין קאנטרי אינאיינעם מיט **הגאון הגדול רבי אהרן קאטלער** ז״ל מלפנים ר״י קלעצק בליטא, ואח״כ מייסד ור״י ביהמ״ד גבוה לעיקוואוד בעמ״ח שו״ת משנת אהרן, און ס׳איז אים אויסגעקומען צו פארברענגען מיט שמועסן אין לערנען מיט דעם לעיקוואוד׳ער ראש ישיבה.

אמאל צווישן די שמועסן האב איך זיך איהם פארגעשטעלט אז איך בין א תלמיד פונעם סיגעטער רב דער עצי חיים, און כ׳האב געגעבן א פרעג ״דער ראש ישיבה ווייסט ווער דאס איז?!״ קלערנדיג אז ער מסתמא האט ער קיינמאל נישט געהערט פון איהם זייענדיג פונעם ליטווישן חדר.

האט רבי אהרן ז״ל ראגירט ״ווער דער סיגעטער רב?! אזעלכע שיינע תשובות וואס איז דא אין שו״ת עצי חיים, דאס ס׳וואלט געפאסט פארן שאגת אריה!...״

כ׳בין געווארן שאקירט ווי איינע פון די גאונים פונעם ליטווישן חדר זאל זאגן אזא הפלגה איבער די תשובות פון א גאון א רבי פון חסידים אין אונגארן, וואס האט געלעבט אין זיין דור. - תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו. (מרשימות הג״ר שאמ״ש שליט״א)

ז׳ ערה) עס ווערט דערציילט איבער אונזער זיידן

**הרה״ח ר׳ ישראל דוד ווייס ע״ה**

## ישרא״ל אשר בך אתפאר

ער איז געווען א ערליכער איד, אלע יארן האט ער זיך מסתופף געווען בצ״ק פון **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, און געווען דבוק אינעם רבי׳ן בלב ובנפש.

ער איז געווען פון די ערשטע תושבי קרית יואל, און ער האט כל ימיו עוסק געווען בצדקה וגמילות חסדים, בפרט פאר די מוסדות קרית יואל, און מוסדות יטב לב בארה״ק, וואס ער האט אלס געגעבן גרויסע נדבות, און אליין געגאנגען נאך געלט.

אלע תושבי קרית יואל געדענקען ווי ביי יעדע חתונה פלעגט ר׳ ישראל דוד ארומגיין נאך געלט פאר די ׳פיצעלעך׳. עס לאזט זיך פארשטיין אז ווען א עלטערער איד, א בעל בעמיו, און אליין א גרויסער נגיד, גייט נאך געלט, האט דאס אלעמען מחייב געווען, און די טאשן האבן זיך לייכטער געעפענט.

כאטש ער איז געווען א בעל הבית׳ישער איד, איז ער געווען מלא יראת שמים, אלס א זון פון זיין פאטער הרה״ח ר׳ אהרן צבי ע״ה פון קראלי מחשובי תלמידי מרן רביה״ק ז״ל, און אייניקל פון הגה״ק רבי שבתי שעפטיל ז״ל דער **שימאניער רב** זצוק״ל, א בארימטער בעל מופת ואיש אלקים, וואס ער איז אסאך נתחנך געווארן אונטער זיינע פליגל.

עס האט דערציילט הרה״ח ר׳ יצחק שלמה האפמאן ע״ה וואס איז געווען מיט אים אינאיינעם אין די שווערע מלחמה יארן, ווען עס איז נישט געווען וואס צו עסן אויסער דאס ביסל פליישיגע זופ וואס די רשעים האבן געגעבן, איז געווען לאות ולמופת ווי אזוי ר׳ ישראל דוד האט זיך ממש מוסר נפש געווען נישט צו נהנה זיין פון מאכלות אסורות, כאטש וואס עפ״י הלכה איז נישט געווען קיין שאלה וואס מ׳דארף צו טוהן לפי המצב, אבער זיין געהויבענע גייסט האט דאס אויך געקענט ביישטיין.

ב. ער איז געווען א משמח אלקים ואנשים, און ער האט אפטמאל זוכה געווען צו משמח זיין לבו הטהור **פון כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** מיט זיינע אייגנארטיגע זיסע ווערטלעך.

צווישן אנדערע געדענקען אידן ווען אמאל שפאצירט ר׳ ישראל דוד אריין אין אלטן ביהמ״ד ׳נעפ מענשאן׳ אין א דאנערשטאג שובבי״ם צו מנחה מעריב, און ער זעהט ווי הגה״צ חו״פ ר׳ **ברוך מיללער** ז״ל זיצט מיטן תהילים׳ל יושב בתענית און ווארט אויפן מנין מנחה וואס ליינט ׳ויחל׳, רופט ער זיך אן מיט זיין נוסח ״רבי ברוך, רבי ברוך, וויפיל דארף איך אייך זאגן, הערט שוין אויף צו זינדיגן, וועט איר נישט דארפן אזויפיל תשובה טוהן״... כמובן האט דאס אויפגעברענגט א שמייכל ביי אלע ארומיגע.

דאס האט זיך איבערגע׳חזר׳ט מיט יארן שפעטער ווען רבי ישראל דוד האט באגעגענט אין קרית יואל הגה״ח ר׳ **מרדכי הירש** ז״ל יושב בתענית מיטן תהילים, רופט ער זיך אן ״רבי מרדכי, הערט אויף צו טוהן עבירות, וועט איר נישט דארפן אזויפיל וויינען נאכדעם״...

דאס איז געווען ווען אלע האבן געקענט די לעכטיגע הייליגע ריינע נפשות פון די לויטערע צדיקים וואס האבן זיך געדרייט בתוכינו.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת, אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**